**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/20/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול מעלדט א ביטע פאר פארשלאגן פאר געמישטע-באנוץ אפארדעבל האוזינג אנטוויקלונג ביי 1024 FULTON STREET אין ברוקלין

***א ארט וואס שטייט שוין לאנג ליידיג וועט ווערן טראנספארמירט צו אפארדעבל האוזינג מיט קאמיוניטי איינריכטונגען פאקוסירט אויף עלטערע מענטשן***

***טייל פון גאווערנאר האקול'ס קלארע וויזיע צו אדרעסירן ניו יארק סטעיט'ס וואוינונג קריזיס דורכ'ן נוצן עקזעקיוטיוו מאכט; נעמט אריין אינציאטיוו צו איבערמאכן סטעיט געאייגנטע ערטער פאר האוזינג***

***ביטע פאר פארשלאגן זענען דא צו באקומען [דא](); אריינגעבונג דעדליין איז יוני 20 ביז 5 אזייגער נאכמיטאג EST***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן א ביטע פאר פארשלאגן (RFP) פאר די ווידער אנטוויקלונג פון א סטעיט אייגענטום ארט לאקירט ביי [Fulton Street 1024]()אין ברוקלין'ס קלינטאן היל געגנט. די אומגעפער 12,800-סקווער-פיס לאט, וואס באלאנגט יעצט פאר די אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס (Office of Children and Family Services, OCFS), וועט ווערן טראנספארמירט צו א לעבערהאפטיגע, געמישטע-באנוץ, 100 פראצענט אפארדעבל האוזינג אנטוויקלונג. די פראיעקט איז טייל פון גאווערנער (האקול) Hochul's וויזיע צו אדרעסירן ניו יארק סטעיט'ס האוזינג קריזיס, וואס נעמט אריין איבערמאכן אומבאנוצטע סטעיט-אייגנטום ערטער צוצושטעלן זייער-נויטיגע אפארדעבל האוזינג. די RFP פאלגט נאך א פארצווייגטע קאמיוניטי אנטיילנעמונג פראצעדור אנגעפירט דורך עמפייער סטעיט אנטוויקלונג (Empire State Development, ESD) אין צוזאמענארבעט מיט לאקאלע ערוועלטע באאמטע צו פארזיכערן אז די פראיעקט קומט נאך די געגנטס באדערפענישן. אפליקאנטן קענען נאכקוקן די ביטע פאר פארשלאגן דאקומענט [דא]() און אריינגעבן א פארשלאג צו ESD ביז יוני 20 ביז 5 אזייגער נאכמיטאג EST.

"נאך צענדליגע יארן שטיין ליידיג, בלאזן מיר אריין פרישע לעבן אין דעם פראפערטי און שטעלן צו וואס ניו יארקער דארפן די וויכטיגסטע: אפארדעבל האוזינג און קאמיוניטי איינריכטונגען," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די פראיעקט צייגט אונזער פארפליכטונג צו אדרעסירן די האוזינג קריזיס בשעת'ן פארזיכערן אז אנטוויקלונגען שפיגלען אפ די פריאריטעטן פון לאקאלע איינוואוינער. דורכ'ן טראנספארמירן אומבאנוצטע סטעיט-אייגנטום פראפערטי צו לעבערהאפטיגע, דויערהאפטיגע היימען, טוען מיר פארווירקליכען אונזער צוזאג צו שאפן מער אפארדעבל היימען לענגאויס ניו יארק סטעיט."

פון הערבסט ביז ווינטער 2024, האט ESD - אין צוזאמענארבעט מיר סענעטאר Jabari Brisport (דזשאבארי בריספארט), אסעמבלימעמבער Phara Souffrant Forrest (פארא סאופראנט פארעסט), קאונסיל מעמבער Crystal Hudson (קריסטאל האדסאן), אטורני גענעראל Letitia James (לעטישע

דזשעימס), קאנגרעסמאן Hakeem Jeffries (העיקים דזשעפריס) און ברוקלין בארא פרעזידענט Antonio Reynoso (אנטאניא רעינאסא) - אנגעפירט א סעריע פון קאמיוניטי וויזיע ווארקשאפ צו זאמעלען פידבעק אויף די צוקונפטדיגע אנטוויקלונג פונעם ארט. מער ווי 150 מיטגלידער פון די קאמיוניטי האבן אנטיילגענומען אין די פאבליק פראצעדור וואס האט גאשאפן א קאמיוניטי וויזיע באריכט, צאמנעמענדיג הויפט קאמיוניטי באדערפענישן און פריאריטעטן.

די RFP באצייכנט פולשטענדיגע אנטוויקלונג צילן וואס וועלן מאקסימיזירן דעם ארט'ס פאטענציעל בשעת'ן שאפן א אנהאלטנדע פאזעטיווע ווירקונג פאר די קאמיוניטי. פארשלאגן מוזן צייגן וויאזוי זיי וועלן איינפירן די געפינסן פון די קאמיוניטי וויזיע באריכט, צושטעלן 100 פראצענט אפארדעבל האוזינג מיט רענט באגרעניצונגען ביי 100 פראצענט פונעם דורכשניטליכע פארדינסט אינעם געגנט ( Area Median Income, AMI), און אריינעמען א ערשטע שטאק עלטערע אדער אינטערגענעראציאנאלע קאמיוניטי צענטער וואס שטעלט צו דירעקט די באדערפענישן פונעם קאמיוניטי אנערקענט דורך די פאבליק אנטיילנעמונג פראצעדור.

1024 Fulton St. איז געווען ליידיג זייט 1997, ווען OCFS האט עס באקומען פון די סיטי פון ניו יארק מיטן כוונה צו אנטוויקלען א קאמיוניטי צענטער. איידער די OCFS האט עס באקומען, האט די פראפערטי געדינט אלץ א ברוקלין יוניאן גאז (Brooklyn Union Gas) געשעפט אין 1912 אין האט שפעטער געדינט פאר פארשידענע פראדוצירונג און קאמערשל באנוץ. צוליב סטרוקטור פראבלעמען, איז די געביידע געבליבן אומבאנוצט פאר נאנט צו דרייסיג יאר. די געביידע געפינט זיך אין א געגנט וואס איז גוט פאר טראנזיט-אריענטירטע אינטוויקלונג, מיט א נאנטקייט צו מערערע עדיוקעישאנל אינסטיטוציעס און פילצאליגע סובוועי און באס ליניעס וואס מען קען גיין צופיס.

**עמפייער סטעיט אנטוויקלונג פרעזידענט, CEO און קאמישינער Hope Knight (האופ נייט) האט געזאגט,** "די RFP רעפריזענטירט ESD'ס פארפליכטונג צו קאמיוניטי-געפירטע האוזינג און עקאנאמישע אנטוויקלונג. דורך טראנספארמירן די פראפערטי וואס שטייט שוין ליידיג פאר לאנג צו אפארדעבל האוזינג מיט א קאמיוניטי איינריכטונג, שאפן מיר סיי היימען און געלעגנהייטן פאר די קלינטאן היל געגנט. ESD איז דאנקבאר צו אונזער סיטי מיטארבעטער וועמענ'ס צוזאמענארבעט איז געווען אומשאצבאר דורכאויס די פראצעדור. די פארצווייגטע קאמיוניטי אנטיילנעמונג פארזיכערט אז די אנטוויקלונג וואס עכט אפשפיגלען לאקאלע פריאריטעטן און נאכקומען די קאמיוניטי'ס באדערפענישן."

**ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג'ס קאמישאנער RuthAnne Visnauskas (רוטענע וויסנאוסקאס) האט געזאגט,** "די ווידער-אנטוויקלונג פון 1024 Fulton Street אילוסטרירט די גאווערנער'ס פארפליכטונג צו נוצן סטעיט- אייגנטום פראפערטיס צו שאפן געמישטע באנוץ אפארדעבל האוזינג פארמערנדיג אין ברוקלין און לענגאויס די סטעיט. ביז צו 100 הויזגעזונדער וועלן בענעפיטירן פון אפארדעבל היימען און א קאמיוניטי צענטער וואס וועט צאמברענגען מענטשן פון אלע יארגענג און צולייגן צום לעבערהאפטיגקייט פון די קלינטאן היל געגנט. איבערמאכן ליידיגע פראפערטיס צו סטאבילעך אפארדעבל ערטער וואו מענטשן קענען וואוינען באקוועמעהייט, אויפהאדעווען זייער פאמיליעס און מאכן געדענקענישן איז גוט פאר די איינוואוינער און פאר די גאנצע קאמיוניטי. מיר קוקן פאראויס צו זען 1024 Fulton Street ווערן לעבעדיג."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס קאמישאנער דר. DaMia Harris-Madden (דאמיא העריס-מאדען) האט געזאגט,** "אפארדעבל האוזינג איז נישט בלויז נויטיג - עס איז א פונדעמענט פאר א סטאבילע לעבן, וואו יעדע פאמיליע קען בליען און אויפבויען א דויערהאפטיגע צוקונפט. OCFS איז שטאלץ צו שטיצן גאווערנער Hochul'ס (האקול) אינאוועטיווע איניציאטיוו צו איבערבויען אומבאנוצטע און ליידיגע פראפערטיס, אזוויו 1024 Fulton Street, וועלכע וועט ערמעגליכן

פינאנציעלע סטאביליטעט און צוטיגן וועגן פאר ניו יארקער צו בויען פארבינדונגען אינערהאלב זייער קאמיוניטיס."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס (Office of General Services, OGS) קאמישענער Jeanette Moy (דזשיענעט מוי) האט געזאגט,** "די RFP איז א באדייטענדע טריט קעגן שאפן א פילצוועקיגע ארט וואס איינוואוינער פון די ברוקלין'ס קלינטאן היל געגנט קענען אנרופן זייער היים און נוצן אלס א צוזאמטרעף ארט. OGS בלייבט פארפליכטעט צו פאראויסרוקן גאווערנער Hochul'ס (האקול) וויזיע פון איבערמאכן אומבאנוצטע סטעיט פראפערטי צו אדרעסירן קאמיוניטי באדערפענישן בשעת'ן פארמערן אפארדעבל האוזינג סופליי, און מיר זענען שטאלץ צו ארבעטן מיט ESD אויף אויספלאסטערן א וועג פאר די לאנג-ערווארטעטע פראיעקט ביי [1024 Fulton Street]."

**ניו יארק אטארני גענעראל Letitia James (לעטישע דזשעימס) האט געזאגט,** "צוטריט צו אפארדעבל האוזינג איז א איינפאכע מענטשליכע רעכט. די נייע אפארדעבל האוזינג אנטוויקלונג בענעפיטירט אלע ברוקלינער, ספעציעל אונזערע עלטערע מענטשן, און פארזיכערט אז די וואס ווילן האבן צוטריט צו פארזיכערטע און אפארדעבל האוזינג וועלן האבן די געלעגנהייט. איך באדאנק גאווערנער Hochul (האקול), עמפייער סטעיט אנטוויקלונג און מיין ערוועלטע באאמטע פריינט פאר זייער באמיאונגען צו ארבעטן מיט לאקאלע קאמיוניטי מיטגלידער און טראנספארמירן די ארט צו א איינריכטונג וואס בענעפיטירט די גאנצע קאמיוניטי."

**סטעיט סענאטער Jabari Brisport (דזשאבארי בריספארט) האט געזאגט,** "פאר נאנט צו 30 יאר איז די פאבליק אייגנטום געביידע געשטאנען ליידיג; איז בין זייער שטאלץ איבער וויאזוי אונזער קאמיוניטי איז זיך צאמגעקומען דאס צו טוישן. דורך אונזער צוזאמענארבעט מיט אסעמבלימעמבער Phara Souffrant Forrest (פארא סאופרענט פארעסט) און עמפייער סטעיט אנטוויקלונג, האט אונזער דיסטריקט געקענט פארמירן די צוקונפט פון די געביידע. צוזאמען האבן מיר פארזיכערט אז עס וועט צושטעלן די סארט אפארדעבל האוזינג וואס האלט צוריק די געגנט פון ווערן א טייערע ארט און העלפט באשיצן די סטאביליטעט פון אונזער לעבערהאפטיגע קאמיוניטי."

**אסעמבלימעמבער Phara Souffrant Forrest (פארא סאופרענט פארעסט) האט געזאגט,** "[1024 Fulton Street] איז געווען ליידיג פאר צענדליגע יארן בשעת וואס קלינטאן היל איינוואוינער זענען געווארן פארשיקט צוליב שנעל פארהעכערנדע רענט. איך בין שטאלץ אז מיין מיטארבעטער אין די רעגירונג און איך האבן געקענט אנהייבן די פראצעדור פון ווידער-אנטוויקלען די שליסל ארט און פארזיכערן א 100 פראצענט אפארדעבל אנטוויקלונג וואס שטעלט צו די קאמיוניטי באדערפענישן. איך קוק פאראויס צו ווייטער ארבעטן צוזאמען מיט קאמיוניטי מיטגלידער און די אדמיניסטראציע צו פארזיכערן אז די פראיעקט קען מאכן פלאץ פאר די צוקונפטדיגע איינוואוינער פון קלינטאן היל פאר די קומעדיגע צענדליגע יארן."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מעמבער Crystal Hudson (קריסטאל האדסאן) האט געזאגט,** "איך בין זייער צופרידן אז מיר טוען ענדליך נעמען איין טריט נענטער צו זען דעם ליידיגע און נאכגעלאזטע סטעיט-אייגנטום פראפערטי איבערגעמאכט צו זייער-נויטיגע אפארדעבל האוזינג און קאמיוניטי ארט פאר עלטערע ערוואקסענער. דורך ארויסגעבן די RFP און לייגן 100 פראצענט אפארדעבל האוזינג און אינטערגענעראציאנאלע ארט אינעם צענטער, איז קלאר אז ESD האט גענומען ערנסט די פארדערונגען פונעם קאמיוניטי און איז פאקוסירט אויף באקעמפן אונזער טאפלטע קריזיס פון האוזינג אפארדעביליטי און פארפעלונג פון גוט אינוועסטירן אין אונזער עלטערע ערוואקסענער מענטשן כאטש אז אונזער סיטי'ס עלטערע ערוואקסענער באפעלקערונג וועט שפרינגען א פערטל פון א פראצענט ביז 2040. איך קוק פאראויס צו ווייטער ארבעטן צוזאמען מיט ESD צו ברענגען די וויכטיגע פראיעקט צו ריאליטעט."

**פאראויס ריקן גאווערנער Hochul'ס (האקול) גרונטליכע וואוינונג אגענדע**
די פראיעקט בויט אויף די גאווערנאר'ס קלארע וויזיע צו פארברייטערן די סטעיט'ס וואוינונג סופליי דורך אינאווירענדע מאסנאמען, א שטייגער ווי די פרא-וואוינונג געמיינדעס פראגראם ( Pro-Housing Communities Program) און עקזעקיוטיוו ארדער 30, וועלכע טוהן פראממאטירן צוימונג-ברעכענדע לעזונגען צו טרייבן שטארק-געדארפטע אנטוויקלונג. אלס טייל פון די פיסקאלע יאר 2025 אוועקגעשטעלטע בודשעט, האט די גאווערנער פארזיכערט לאנדמארק אפמאכן וועלכע נעמען אריין נייע שטייער באלוינען פאר אפסטעיט געמיינדעס, געצילטע פארלייכטערונג צו שאפן מער וואוינונגען אין ניו יארק סיטי, און א 500 מיליאן דאלאר קאפיטאל פאנד צו אנטוויקלן ביז 15,000 נייע היימען אויף סטעיט-געאייגנטע פראפערטי. נאך 600 מיליאן דאלאר אין איבערן סטעיט פינאנצירונג און נייע באשיצונגען פאר דינגער און היים אייגנטומער טוהן אינטערשטרייכן די גאווערנער'ס פארפליכטונג צו צוגענגליכקייט און אייניגקייט.

די באמיאונגען בויען אויף די גאווערנער'ס פיסקאלע יאר 2023 פינף-יאריגע, 25 ביליאן דאלארדיגע וואוינונג פלאן געצילט צו אויפבויען אדער פרעזערווירן 100,000 אפארדעבל היימען - אריינגערעכנט 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר עמפינדליכע באפעלקערונגען און אזוי אויך צו אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט. מער ווי 55,000 הייזער זענען געבויט געווארן אדער אפגעהיטן געווארן ביז יעצט. די פיסקאלע יאר 2025 אוועקגעשטעלטע בודשעט האט אויך פארשטערקערט די פרא-וואוינונג געמיינדע פראגראם, מאכענדיג פרא וואוינונג סערטיפיקאציע א פארלאנג פאר מוניציפאליטעטן צו האבן צוטריט צו ביז 650 מיליאן דאלאר אין וואלונטירישע פינאנצירונג. ביז יעצט, זענען מער ווי 290 קאמיוניטיס געווארן באשטעטיגט, אריינגערעכנט ניו יארק סיטי - אפשפיגלענדיג א וואקסענדע פארפליכטונג איבערן סטעיט צו אדרעסירן ניו יארק'ס קריטישע וואוינונג באדערפענישן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן